א ליכטיגן תמיד
אידיש
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

## אור הבוקר

יום א' פרשת עקב תשפ"ד

# והיה עקב תשמעון

## דאס חשיבות פון אונזער שוואכן דור

**תוכן המאמר:** אפילו אין א נידריגע מדריגה וועט נאך אלץ זיין 'תשמעון' / אפילו היינטיגע צייטן זענען מיר מפרנס אבינו שבשמים לפי ערך די דור / איין קרעכצן פון די דורות אחרונים איז פיל חשובער ווי די תעניתים וסיגופים פון די דורות הראשונים / יעדע תפילה גייט ארויף לרצון / דאס חשיבות פון א לב נשבר / 'איך וויל' איז קעגן די רצון ה

**אפילו אין א נידריגע מדריגה וועט נאך אלץ זיין 'תשמעון'**

אין ספר תורת יחזקאל פונעם הייליגן קוזמירער זצ"ל ברענגט ער דארט אויף די וואכנדיגע פרשה אזוי. עס שטייט אין פסוק 'והיה עקב תשמעון' 'עקב' איז מרמז אויף די נידריגע נשמות וואס איז די בחינה פון 'עקב', א פערשט, מלשון 'עוקבתא דמשיחא'. זאגט די תורה הקדושה, אפילו ווען אידישע קינדער זענען חלילה אין די בחינה פון 'עקב', אין א שוואכע מצב, 'והיה' ווען עס וועט זיין א מצב פון 'עקב', אפילו אזוי, נאכאלס 'תשמעון'.

**אפילו היינטיגע צייטן זענען מיר מפרנס אבינו שבשמים לפי ערך די דור**

און ער זאגט ווייטער: די כלל איז, אז אידישע קינדער, כביכול, זענען מפרנס, מיר געבן כוחות, פאר אונזער טאטע אויבן אין הימל, אזוויו' עס שטייט אין פסוק (תהלים סח) 'תנו עוז לאלוקים'. ווער עס זאגט אז היינט איז נישט אזוי' חס ושלום, איז א שוטה! זאגט דער הייליגער רבי' יחזקאלע קוזמירער: אין

די פריערדיגע צייטן האט דער הייליגער באשעפער געהאט א גרויסן געשעפט, און ער איז געווען א גרויסער סוחר, און דער הייליגער באשעפער האט געהאט פרנסה בריוח כביכול, אבער היינט, אונז געב מיר נאך אלס פרנסה פארן הייליגן באשעפער, ווייל ווען נישט, פון וואו נעמט דער הייליגער באשעפער פרנסה? פון עשיו? פון ישמעאל ח"ו? די עיקר איז צו וויסן, אז מען געבט אים היינט גאר ווייניג צו לייזן, אבער באמת, פרנסה געב מיר נאך אלס, ווייל אין הימל וועגט מען אפ לויט די ערך פון די נשמה, לויט די ערך פון די גלות, און לויט די ערך פון די טירדות וואס מען האט.

'והיה' איז א לשון 'שמחה', 'עקב' אפילו ווען עס איז אזעלכע מצבים פון נידריגקייט 'תשמעון' זאל מען נאך אלס אידישע קינדער הערן די רצון השם, טון די רצון השם, און וויסן אז דעם הייליגן באשעפערס געשעפטן איז טאקע געווארן קלענער, און דער הייליגער באשעפערס פרנסה וואס ער האט פון אונזער וועלט איז אביסעלע ווייניגער, אבער אונז געב מיר נאך אלץ כוח פארן הייליגן באשעפער כביכול, ווייל אין הימל שאצט מען לויט די נשמה, לויט די גלות און לויט די טירדות.

חזק חזק ונתחזק! לאמיר זיך מחזק זיין, ווער מיר זענען, וואס מיר זענען. עס איז נישט דא קיין יאוש בעולם! מיט חיזוק! מיט התקרבות להקדוש ברוך הוא! מיר זענען די בני מלכים, די עם סגולה, בכל אופן שבעולם. דער הייליגער באשעפער האט אונז ליב, און אונז האבן ליב דעם הייליגן באשעפער, און אונז האבן ליב דעם הייליגן באשעפערס קינדערליך.

**איין קרעכטץ פון די דורות אחרונים איז פיל חשובער ווי די תעניתים וסיגופים פון די דורות הראשונים**

אין ישמח ישראל (סוף פרשת עקב) ברענגט ער אזוי, ער האט געהערט פון זיין טאטע בשם רבי חיים וויטאל ז"ל. רבי חיים וויטאל האט געפרעגט פונעם אר"י הקדוש, עס שטייט אין ירושלמי (שבת סוף פרק ה) די קוה פון רבי אלעזר בן עזריה איז ארויסגעגאנגן און עס האט געהאט אזעלכע רצועות ארום די הערנער, די חכמים האבן צו דעם נישט מסכים געווען. זאגט רבי חנניא, נאר איינמאל איז עס ארויסגעגאנגן, און אפילו אזוי, איז שווארץ געווארן די ציינער פון רבי אלעזר בן עזריא מחמת די תעניתים אויף וואס עס איז געשען ביי זיין בהמה. די גמרא ברענגט, אז עס איז אפילו נישט געווען זיין בהמה, עס איז געווען זיין שכנ'ס בהמה, נאר וויבאלד ער האט נישט מוחה געווען ווערט עס גערופן אויף זיין נאמען.

האט רבי חיים וויטאל געפרעגט פונעם אר"י הקדוש: 'אם בארזים נפלה שלהבת מה יעשו עזובי קיר' אויב די גרויסע ריזן ווי רבי אלעזר בן עזריה האט געדארפט פאסטן תעניתים ווייל ער האט נישט מוחה געווען אויף א שכנ'ס קוה, וואס גייען אונז זאגן?!

האט אים דער אר"י הקדוש געענטפערט: איין קרעכטץ מעומק הלב בזמן הזה, איז סאך טייערער, באליבטער, חשובער, בעיני ה', ווי תעניתים און סיגופים פון די ראשונים.

וויבאלד עס איז דא אזא הסתר פנים. זאגט דער הייליגער ישמח ישראל - און דאס איז געווען בדורו של אר"י הקדוש, אם כן, קל וחומר בן בנו של קל וחומר, אין אונזערע דורות. די עיקר איז - זאגט דער ישמח ישראל - אז עס זאל נתעורר ווערן ביי א איד די אור הפנימיות, די לעכטיגקייט וואס עס איז דא אין יעדער איד, די פייער וואס עס ברענט צו טון מצוות און מעשים טובים. א מענטש זאל קיינמאל נישט ווארטן צו טון תורה עבודה ויראת שמים, מצות ומעשים טובים, ווילאנג ער וועט האבן א קלארן דעת, א קלארן קאפ, ווייל דער וואס ער ווארט אויף דעם, ער וועט עס קיינמאל נישט טון. אזויווי דער וואס ווארט עס זאל קומען אזא און אזא וועטער, ער וועט קיינמאל נישט איינזייען.

**יעדע תפילה גייט ארויף לרצון**

טייטשט ער מיט דעם די פסוק 'ולא יהיה בך עקר ועקרה'. אז דאס גייט ארויף אויף דאווענען. א מענטש זאל נישט זאגן: וואס דארף איך דאווענען? וואס זענען מיינע תפילות קעגן די תפילות פון די ראשונים? זאגט די תורה 'לא יהיה בך עקר ועקרה', זאלסט נישט מיינען אז דיינע תפילות גייען נישט ברענגען קיין פירות. דיינע תפילות וועלן אויך ארויפגיין לרצון לפני אדון כל, דוד המלך זאגט אין תהלים (קיט) 'הורינו ה' דרך חוקיך ואצרנה עקב', זאגט דער ישמח ישראל, אפילו ווען מען האלט ביי 'עקב', ביי עקבותא דמשיחא. דוד המלך איז דאך נשמת כלל ישראל, דוד המלך האט געזאגט 'תהלת ה' ידבר פי ויברך כל בשר שם קדשו', דוד המלך האט געמאכט די ספר תהלים פאר יעדע מין איד וואס עס וועט נאר זיין אויף די וועלט, יעדער טרעפט זיך אינעם תהלים, בכל מצב שיהיה, אין יעדע מצב וואס א מענטש איז, האט דוד המלך שוין אריינגעלייגט אין זיין ספר תהלים אלע תפילות פאר אלע אידן.

**דאס חשיבות פון א לב נשבר**

מען גרייט זיך שוין אויף די הייליגע טעג, די ימים נוראים, עס קומט שוין די הייליגע טעג, און יעדער איד דארף זיך מחזק זיין, אז בדורינו, א אמת'ע קרעכטץ, א אמת'ע תפלה, א אמת'ע תורה עבודה ויראת שמים האט א מורא'דיגע חשיבות. וואס הייסט אמת? אמת מיינט אז מען מאכט זיך נישט צעטון פון די מניעות, מען טראכט נישט צי מען איז ראוי צו מען איז נישט ראוי, מען טוט עס ווייל איך וויל טון די רצון ה', ווייל איך וויל משמח זיין קוב"ה ושכינתיה, אונזער הייליגער לעכטיגער זיסער טאטע אויבן אין הימל כביכול. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אונזער עבודה ווערט נתקבל, אבער נאר מתוך שמחה, נישט מתוך עצבות און מרה שחורה, ווייל די שכינה רוהט נישט בתוך עצבות און מרה שחורה.

אזויווי מען דערציילט, אז דער הייליגער שר שלום פון בעלז זי"ע איז געווען ביים רבי'ן פון לובלין זי"ע, און ער האט געהערט פון די פשוטע עולם שמועסט דארט צווישן זיך, 'וואס האבן מיר געהאט אז מיר זענען געווען דא א שבת ביים רבי'ן? אונז האבן גארנישט געטון, אביסל תהלים האבן מיר געזאגט'...

האט דער שר שלום געזאגט פאר די אידן: איך וועל אייך שוין זאגן וואס עס טוט זיך דארט אויבן אין הימל. דער מלאך מיכאל ברענגט מעשים טובים וצדקה פון אידישע קינדער, איז געגאנגן דער שטן און ער ברענגט מעשים טובים וצדקה פון די אומות העולם, די גוים טוען עס אויך. איז געגאנגן דער מלאך מיכאל און ער האט געברענגט צעבראכענע הערצער פון אידישע קינדער און קעגן דעם האט דער שטן שוין נישט געקענט גארנישט ברענגען, דער שטן האט נישט געטראפן ביי די אומות העולם די צעבראכענע הערצער.

האט דער הייליגער שר שלום געזאגט: זאלט איר וויסן ווי טייער און חשוב איז ביים הייליגן באשעפער די תפילות פון א לב נשבר. אבער א לב נשבר איז נשט עצבות ומרה שחורה, עס איז נישט יאוש. א לב נשבר מיינט, ווען א מענטש זאגט: 'רבונו של עולם, איך בין בידך, איך טו גארנישט, איך קען גארנישט טון, איך וויל גארנישט טון, עס איז גארנישט בידי, איך בין איבערגעגעבן ווי א געטרייער סאלדאט, ווי א געטרייער קינד, ווי א געטרייער עבד, פאר'ן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, אבינו שבשמים', און מיט דעם איז די הארץ צעבראכן, ווייל מען שפירט זיך אזוי קליין קעגן וואס דער הייליגער באשעפער טוט מיט אונז אזויפיל גוטס, די סארט לב נשבר, דאס האט דער הייליגער באשעפער ליב, דאס איז דער הייליגער באשעפער מחשיב, און דער הייליגער באשעפער נעמט אן אונזערע תפילות.

**'איך וויל' איז קעגן די רצון ה'**

א איד איז אריינגעקומען צו מיר פארלאפענעם דאנערשטאג, און ער האט זיך אויסגעגאסן זיין שווער הארץ. אינמיטן האט ער געזאגט: אז ער האט געהערט פון אן ערליכער איד א גוט ווארט: ווען א איד זאגט 'איך וויל', איז דאס קעגן די רצון השם. 'איך' איז גיאות, 'וויל' איז תאוות... א איד זאגט נישט 'איך וויל'. א איד זאגט 'שעשה לי כל צרכי' דו גיבסט מיר אלעס! און מען בעט פונעם אייבערשטן ער זאל געבן נאך, נישט ווייל איך וויל, נאר ווייל דער אייבערשטער וויל, ווייל מיר זענען דא אויף דעם עולם זיך מבטל צי זיין צו דעם רצון פון באשעפער, דער אייבערשטער וויל אז אידן זאלן האבן.

## מעשה בחסיד אחד

*אין קעשינוב האט געוואוינט א בחור'ל, ווען ער איז אלט געווארן זעכצן יאר איז געווען א גרויסע פאגראם אין קעשינוב, זיין מאמע און צען פון זיינע געשוויסטער זענען נעבעך נפטר געווארן אין די פאגראם, דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן. ער מיט זיין טאטע זענען געבליבן לעבן.*

*דער טאטע איז געווען אזוי צעבראכן, ער האט מורא געהאט, וואס וועט זיין מיט דעם קינד? האט ער געזאגט פאר זיין קינד: מיין טייער קינד, ביסט זעכצן יאר אלט, גיי אויף אמעריקא, משנה מקום משנה מזל, איך האף אז דארט וועסטו קענען איבערלעבן.*

*איז ער געפארן אויף אמעריקא. אין אמעריקא האט ער גארנישט געהאט, נאר איין מומע, די מאמעס א שוועסטער. די מאמע האט שוין נישט געלעבט, אבער די מאמעס א שוועסטער*

האט געוואוינט אין די איסט סייד, ער האט געוואוסט די אדרעס. ער איז אנגעקומען קיין אמעריקא, האט ער אנגעקלאפט אין טיר פון די מומע. זיי האבןביידע אויסגעפלאצט אין א געוויין. איין קינד געבליבן פון די גאנצע משפחה פון די שוועסטער אירע... און זי האט אים געזאגט: מיין טייער קינד, דו קענסט דא זיין אין די הויז ווי אן אייגן קינד, באקומסט א צימער, מען וועט דיר געבן אכילה שתיה לינה, אלעס וואס דו דארפסט, אבער איין זאך מוזטו פארשטיין, וועסט מוזן גיין ארבעטן צו מאכן געלט, ווייל פרנסה איז נישט דא קיין הרחבה יעצט, און נאך א זאך וואס דו דארפסט פארשטיין, אז דא ארבעט מען שבת, ווייל אויב ארבעט מען נישט שבת, איז די אנדערע וואך נישט דא קיין פרנסה!

אזויווי דער בחור פון זעכצן יאר האט געהערט אז זיי היטן נישט שבת, האט ער געזאגט: מומע טייערע, זיי געזונט און שטארק, איך גיי נישט זיין אין א הויז וואו מען איז מחלל שבת! ער האט צאמגעפאקט זיינע געפעק און ער איז אנטלאפן פון דעם שטוב! א מורא'דיגע גבורה פון א זעכצן יעריגע בחור! א מאמע האט ער נישט, די טאטע האט אים פארשיקט פון אייראפא!...

וואו איז ער געגאנגען? אינמיטן די גאס האט ער געטראפן א באנק, ער האט זיך אראפגעזעצט דארטן, און ער האט זיך נעבעך געוומען וויינען, בעטן דעם אייבערשטן, וואס זאל ער טון? זאל ער צוריקפארן קיין אייראפא? וואס זאל זיין יעצט?




איז דורכגעגאנגען אן עלטערער איד, ער זעט א בחור'ל וויינט, האט ער מיט ליבליכקייט געפרעגט דעם בחור וואס עס גייט פאר, און וואס ער קען אים העלפן? האט אים דער בחור'ל געזאגט, ער האט נישט וואו צו גיין. האט אים דער איד געזאגט, ער קען קומען צו אים, ביי אים היט מען יא שבת! און דער איד האט אים טאקע געגעבן אן אכסניא, ער איז געגאנגען ארבעטן, און ברוך השם ער האט אויפגעשטעלט אן ערליכען אידישן שטוב.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווי האט א זעכצן יעריגע בחור די כוח און מוח, די שטארקייט די גבורה?

די תשובה אויף דעם איז: ווען א איד הארעוועט אויף 'בכל דרכיך דעהו' אויף דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן, אויף יעדע זאך זיך אריינקאכן זיך אריינטון

אין די ענין פון לעבן מיט די אייבערשטער, רעדן צו דער אייבערשטער, און גלייבן אין די תורה הקדושה, און גלייבן אז אלעס איז דא אין די תורה, אלע אונזערע רפואות און ישועות ברוחניות ובגשמיות, נפש רוח נשמה חיה יחידה, אלעס איז דא אין די תורה, אז מען גלייבט עס באמונה פשוטה, האט מען די כוחות. און אונז האבן די כוחות נישט צו ווערן בעצבות אויף קיין שום מצב, אונז האבן די כוחות קעגן צו גיין די שווערע נסיונות, און ברענגען שלום בעולם.

***

א איד האט פארציילט א מעשה כלי ראשון, וואס עס האט פאסירט בשנת תש"ע. ער האט איינגעזען אז די סעלפאן שטערט לערנען און דאווענען, מען איז עובר אויף 'מורא מקדש' 'ומקדשי תיראי', ער האט מחליט געווען, ווען ער גייט לערנען און ווען ער גייט דאווענען, נישט נאר ער לעשט אויס די טעלעפאן און ער האלט עס אין טאש, נאר ער ברענגט עס נישט אריין אין בית מדרש, ווען מען לערנט און מען דאווענט האט ער נישט קיין טעלעפאן. ווייל אויב איז די טעלאפאן יא דא, פארגעסט מען עס אמאל אויסצולעשן, און וויאזוי זעט אויס די דאווענען? מען געבט א קוק ווער עס קלינגט, מען געבט א קוק ווער עס האט גערופן, אזוי דאווענט מען צום אייבערשטן? אזוי רעדט מען צום אייבערשטן? מען ווערט אנגעצויגן... ער האט מקבל געווען אויף זיך, נישט דא אזא זאך ווי א בית מדרש מיט א טעלעפאן, דאס איז א סתירה, דאס גייט נישט צוזאמען.

איין טאג איז ער געפארן מיט זיין בני בית אין א טעקסי מיט אן אראבישער דרייווער, אינמיטן די וועג איז דער גויאישער טעקסי דרייווער געווארן צעווילדעוועט, און ער האט גענומען אריינשיסן אין זיין קאר, ער האט אריינגעשאסן נעבעך מיט א רעוואלווער. דער גוי האט געשאסן זיבעצן קוילן, און דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן קיין איינס איז נישט געלונגן אין זיי במקום סכנה, דער איד האט באקומען איין קויל אין פיס. אבער נאך די זיבעצן קוילן האט זיך פארהאנקערט די רעוואלווער פונעם גוי, דער גוי האט געדארפט פאררעכטן די רעוואלווער, און ביז דערוויל זענען זיי ארויסגעשפרינגען פונעם קאר און זיי האבן ברוך ה' געקענט אפשטעלן די טראפיק און זיי זענען אנטלאפן אין א וואלד וואו עס איז געווען א טיפע טאל אראפ, און דער הייליגער באשעפער האט זיי געגעבן כוחות שלא בדרך הטבע, אז זיי זענען אראפגעלאפן די טאל, און ברוך הוי"ה ברוך הוא זיי זענען אנגעקומען גאנצערהייט. די גאנצע וועג אראפ איז געווען פול מיט שטיינער און צווייגן.



אבער זיי זענען אנגעקומען אונטן ער מיט זיין צעבלוטיגטער פיס און די בני בית סתם אזוי, מען האט זיך געדארפט אראפשלעפן. זיי שטייען דארט אונטען און איינער פון די צוויי האט געגעבן א כאפ דעם טעלעפאן, זיי האבן גערופן די פאליציי. די פאליציי זענען אנגעקומען, און מען האט זיי אריינגענומען אין שפיטאל.

דארט אין שפיטאל פרעגט די פאליציי, די פלאץ וואו זיי זענען געווען

*איז געווען אזא פריוואטע שטראז, עס איז נישט געווען די גרויסע הייוועס. און געווענדליך ארבעטן נישט דארט די טעלעפאנען, און בפרט אין א טאל איז כמעט נישט מעגליך אז די טעלעפאן זאלן ארבעטן. וואס איז פשט אז ענקער טעלעפאן האט געארבעט?!*

*דער איד שטייט און טראכט 'טאקע, וואס עפעס?'. נאכדעם כאפט ער שוין, אין זכות פון דעם, וואס ווען ער דאווענט צום הייליגן באשעפער, ווען ער לערנט תורה, איז ער זיך מצמצם און ער ברענגט נישט אריין קיין טעלעפאן, ער זאל נישט געשטערט ווערן, ער קענען זיך מצמצם זיין און שטיין באימה וביראה ברתת ובזיעה, מיט אהבה ויראה צום הייליגן באשעפער, מיט א צמצום המוח, האט דער הייליגער באשעפער געהאלפן, אז די טעלאפאן האט געארבעט במקום וואס עס ארבעט נישט געווענדליך. ער לאזט זיך נישט שטערן דאס דאווענען פון שמע קולינו, האט דער הייליגער באשעפער געהאלפן אז עס איז געווען א שמע קולינו.*

און דא איז טאקע די פלאץ מעורר צו זיין: נישט נאר די מענער ווען מען גייט אריין אין בית המדרש, ווען מען דאווענט. נאר אויך די פרויען אין די שטובער אינדערהיים, ווען מען זאגט ברכות, ווען מען בענטשט, ווען מען לייענט קרית שמע, ווען מען זאגט תהלים. אדער די פרויען ווען זיי דאווענען זייערע תפילות - נישט דא קיין טעלעפאן! קוקט נישט ווער עס רופט, הער נישט ווער עס רופט, מאך דיך נישט צעטון פונעם טעלעפאן, פראביר צו גיין דאווענען אין א צימער וואו עס איז נישט דא קיין טעלעפאנען.

ווען מען שטעלט זיך דאווענען צום הייליגן באשעפער דארף מען זיין מצומצם, אלע אונזערע איברים און גידים, אונזער מוח אונזער הארץ, אונזער גאנצער מהות, די גאנצע מענטש ברוחניות ובגשמיות איז ארייגעטון אינעם דאווענען, ארייגעטון אינעם לערנען. נישט די טעלעפאן זאל שולט זיין אויף אונז. מיט דעם וועלן אונז בעזר השם פועל'ן אז ווען אונז זאג מיר דעם 'שמע קולינו' איז עס צווישן אונז אינעם אייבערשטן אן קיין הפסק, וועט דער הייליגער באשעפער העלפן אז ווען אונז דארף מיר אז דער הייליגער באשעפער זאל צוהערן אונזערע תפילות, וועט ער צוהערן אונזערע תפילות. מיר דארפן האבן שעות, מינוטן, וואס מיר זענען דבוק צום אייבערשטן און מיט גארנישט עפעס אנדערש.

מען זאל פועל'ן כל מיני ישועות און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

***

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

אור לנתיבתי

# איז כדי צו וויסן נייעס?!

**איינער האט אנגעפרעגט צו מען מעג וויסן נייעס. א מענטש מוז וויסן וואס עס טוט זיך אויף די וועלט? אדער מען קען לעבן אן וויסן וואס עס טוט זיך אויף די וועלט? צו עס איז נארמאל אז מען ווייסט נישט אלעס וואס טוט זיך, צו עס איז נישט נארמאל? מען רעדט נישט יעצט פון וויסן יעדע נארישע זאך, מען רעדט וועלטליכע געשעענישן. ווען מען וואוינט אין אמעריקא, זאל מען וויסן די וועלטליכע געשעענישן פון אמעריקא. ווען מען וואוינט אין קאנאדא, ווען מען וואוינט אין רוסלאנד, ווען מען וואוינט אין ארץ ישראל, צו וויסן וואס עס טוט זיך. ווען עס איז דא גזירת החינוך, ווען עס איז דא פאליטיק, וואלן, די אלע וועלטליכע געשעענישן. הסידישע הויפן פאליטיק זאכן. אדער א מענטש קען זיך לעבן אויף די וועלט, און גארנישט וויסן, נאר וואס עס טוט זיך ארום זיינע ד' אמות?**

די תשובה אויף דעם איז: עס איז נישט דא קיין כלל און קיין יוצא מן הכלל. דאס איז מער-ווייניגער תלוי אין די עבודת ה' פון א מענטש, און אין די נאטורן פון מענטשן. עס זענען דא מענטשן וואס זיי קענען לעבן אויסגעטון פון די וועלט, און זיי האבן א גליקליך לעבן, זיי זענען מחנך די קינדער גליקליך, און זיי זענען צעפרידענע מענטשן, פרייליכע מענטשן, זיי פאדערן פון קיינעם גארנישט דערפאר, און זיי זענען אויך נישט פארביסענע מענטשן, זיי האבן נישט פיינט מענטשן וואס ווייסן יא, און קאכן זיך יא ארום אין דעם. דאס איז נישט קיין עוולה.

אויב א מענטש נעמט עס פאר אן עבודת ה', איז עס אויך א גוטע זאך. אדרבה, ווי מער מען ליגט אין תורה, עבודה ויראת שמים, אין אידישקייט און ערליכקייט, אדרבה ואדרבה, פארוואס דארף עפעס א מענטש וויסן וואס עס טוט זיך אין די וועלט זאכן, וואס איז אים נישט נוגע אין עבודת ה'?

ווייטער, אויב עס איז זאכן וואס איז נוגע צו מקנא צו זיין קנאת ה׳ צבא-ות, עס איז א נפקא מינה פאר די חינוך פון די קינדער, עס איז א נפקא מינה פאר אנדערע אידן, עס איז הלכה׳דיגע שאלות, מסורה׳דיגע שאלות, איז ווייטער די זעלבע זאך. עס איז דא מענטשן וואס זיי שפירן, ער האט א רב, ער האט א רבי, א דיין, עס איז דא עסקנים, וואס מען וועט זאגן די מסקנה, דאס וועט ער מקבל זיין, ער לייגט זיך נישט אריין דערין. ער האט א רעכט דערויף.

צו זאגן: איך ווייס נישט און איך הער נישט, און איך נעם נישט, און עס גייט מיר גארנישט אן, אין די צייט וואס מען האט א חיוב חינוך, ווען מען דארף מחנך זיין די שטוב, און מען דארף פאר זיך אליין אויך וויסן - ניין! דאס קען נישט זיין! אלעס וואס איז נוגע תורה, דארף יעדער מענטש וויסן, און יעדער מענטש דורכטון, אויב מען האט שייכות דערמיט. ער קען זיך פארלאזן אויף זיין רב, אויף זיין רבי, אויף זיין דיין, און נאכדעם נעמען די מסקנה, אבער א מענטש דארף וויסן וואס טוט זיך אין אונזער תורה׳דיגע לעבן.

פון די אנדערע זייט איז דא מענטשן, וואס זיי האבן טאקע נישט שייכות מיט די וועלט, און זיי האבן נישט קיין שייכות מיט די אלע זאכן, אבער וואס דאס איז גורם איז, אז זיי פארשטייען נישט אנדערע מענטשן, וואס איז גורם איז, אז זיי פארשטייען נישט זייערע אייגענע קינדער, און זייער בין אדם לחבירו ווערט א פארביסענער, אן אויפגערעגטער, זיי האקן אויף אנדערע מענטשן, קאכן קעגן די וועלט, קאכן קעגן אידישע קינדער, דאס איז נישט קיין אויסגעהאלטענע זאך.

אויב א מענטש נעמט א מהלך, וואס די מהלך ברענגט אים, אז ער פארלירט זיין אהבת ישראל, ער פארלירט זיינע קשרים מיט מענטשן, זיינע קינדער, זיינע בני משפחה קענען זיך מיט אים נישט מקשר זיין, ער קען נישט מחנך זיין זיינע קינדער - נע, דאס איז נישט קיין אידישע וועג. א מענטש דארף זיין מעורב בין הבריות. אוודאי, מען דארף וויסן וואו איין און ווי אויס, א מענטש דארף קענען האבן גדרים וסייגים, וויפיל מען רעדט, וואס מען רעדט.

מען זעט די פריערדיגע גדולים וצדיקים האבן יא מיטגעהאלטן וועלטס-געשעענישן. אוודאי, איר קענט זאגן, זיי האבן געפירט די עולם התחתון און עולם העליון, זיי האבן געפירט וועלטן, זיי האבן געפירט די כלל ישראל. עס קען זיין. אבער למעשה האבן זיי געוויסט, זיי האבן מיטגעלעבט. מען זעט אז עס איז דא אזא זאך, ווי א מעורב בין הבריות. אוודאי, נישט פון רעדן פאליטיק, די

פארטיי, יענע פארטיי, און נישט זיין אריינגעמישט אין וואלן, אין גויאישע זאכן ח"ו, דאס טאר קיינער נישט, און קיינער דארף נישט זיין אריינגעמישט אין דעם.



אבער צו וויסן, וואס טוט זיך אין די וועלטליכע געזעלשאפט, און צו וויסן וואס עס טוט זיך אביסל ארום און ארום, און אויסהערן אביסל, כדי מען זאל זיין מקושר מיט די מענטשן, און פארשטיין אנדערע מענטשן, און קענען זיין א חלק פון די געזעלשאפט, איז זייער א וויכטיגע און א גוטע זאך. בכל אופן, אונז דארף מיר אלע מכוון זיין צו דינען דעם אייבערשטן, צו טון א נחת רוח פארן אייבערשטן, בין אדם למקום און בין אדם לחבירו.

עס איז אבער דא נאך צוויי ענינים וואס אונז וויל מיר דא מעורר זיין. די ערשטע זאך איז, וויבאלד די דור, די יונגע דור, צו עס איז דיינע קינדער, דיינע אייניקלער, מענטשן אין בית מדרש, וואס זענען יא שטארק מעורב אין די ענינים, דארף א מענטש יא וויסן זאכן, כדי צו קענען מחנך זיין זיינע קינדער, זיינע תלמידים, על דרך התורה.

ווייל ח"ו, אונזערע קינדער און אונזערע תלמידים, אונזערע תלמידות, זאלן הערן נאר וואס די דעת בעל הבית, און נאר וואס דער גויאישער גאס זאגט, און וואס די צייטונגען זאגן, און וואס די מאגאזינען זאגן, און נישט הערן פון די עלטערן, פון די זיידעס, פון די באבעס, פון די עלטערע דור, וויאזוי אונזערע צדיקים האבן אונז אויסגעלערנט, וויאזוי מען קוקט אן די אלע זאכן בדרך התורה, בדרך המסורה.

דארף מען זיך אריינטראכטן אין דעם. אונז האב מיר א חיוב חינוך, אז אונזער דור זאל באקומען חינוך פון שטוב, נישט פון אינדרויסן פון שטוב. און אז עס איז דא מענטשן וואס זיי וייסן נישט, און זיי פארשטייען נישט, וועלן די קינדער און די תלמידים ותלמידות, עס נעמען פונדרויסן, עס איז נישט קיין ריוח. סאך מער ריוח איז, ווען די עלטערן קענען איבערגעבן פאר די קינדער, און אויכעט מחנך זיין די קינדער, דאס איז יא נוגע, דאס איז נישט נוגע, דאס קוקט מען אזוי, דאס קוקט מען אזוי.

נאכדעם איז דא נאך אן ענין, אזיווי אונז האב מיר פארציילט ביי איינע פון די שיעורים, אז הגה"צ רבי אהרן קאהן ז"ל, דער רב פון ביהמ"ד דברי אמונה אין מאנסי, א זון פונעם תולדות אהרן רבי זצוק"ל, האט פארציילט, אז איינמאל האט אים דער טאטע געבעטן, א שטיק צייט אין א צי, יעדע וואך, ער זאל אים ברענגען א צייטונג, וואס הייסט 'דער איד'. ער האט זיך זייער געוואונדערט, זיין טאטע איז עוסק אין צייטונגען?!

ווען ער האט געענדיגט, האט ער אים פארציילט, אז דארט איז געשטאנען א גאנצע סעריע פון די צווייטע וועלט מלחמה, און עס איז געשטאנען דארטן, וויאזוי מען האט מנצח געווען, און אלע תכסיסי מלחמה, און אלע טאקטיקן וואס מען האט געטון, און ער האט עס געוואלט דורכלייענען, ווייל פון דעם האט ער ארויסגענומען, וויאזוי צו האלטן א מלחמת היצר. ער האט זיך

אריינגעטראכט, וויאזוי דער גוי פירט א מלחמה מיטן שונא, האט ער זיך פון דעם געלערנט וויאזוי צו פירן א מלחמה מיט זיין יצר הרע.

די זעלבע זאך איז אסאך מאל, ווען עס איז דא וועלטס געשעענישן, איז דא זייער אסאך זאכן, וואס מען זעט ווי די צדיקים האבן זיך פון דעם געלערנט א דרך אין עבודת ה'. פון נאפאליאן האלט מען אין איין פארציילן זאכן וואס מען האט זיך געלערנט עניני עבודת ה' פון זיינע מלחמות. מען זעט אין תורה נביאים און כתיבים, עס ווערט פארציילט מלחמות און דורכגענג ביי קעניגען, וואס פון דעם איז געווארן א גאנצע תורה. אונז קען מיר פון וועלטס געשעענישן זייער אסאך ארויסנעמען, געוואלדיגע מוסר השכל, געוואלדיגע עבודת ה', מאויבי תחכמינו, שלא עשני גוי, וכדומה וכדומה. מען דארף וויסן די צדיקים האבן אסאך עבודת ה', און אסאך שטארקייט אין עבודת ה', ארויסגענומען פון די אלע זאכן, ובפרט בזמנינו, ווען עס איז דא זאכן וואס קען שעדיגן אידישקייט, ווען אסאך מאל די יונגע דור כאפט נישט און די עלטערע דור כאפט יא, איז דא א בחינה צו יא זיין מקושר, און יא האבן א קשר, מיט די וועלטליכע זאכן, וואס אונז קען מיר אריינברענגען אין אונזער תורה'דיגע מסורה'דיגע וועלט, זיך ארויסצונעמען פון דעם ענינים.

עס איז אלץ מחשבות וואס אונז לייג מיר פאר, וואס מענטשן זאלן טראכטן. צד השוה שביניהם, אונזער כוונה איז: לעשות נחת רוח להבורא ית"ש ויתעלה.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**


**קול פנים מאירות**

שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

**צענטראלע נומער:** 845-414-0076

**א"י:** 072-370-1823

**ענגלאנד:** 0330-350-3190

**ארגענטינע:** 5411-2152-7691

**אנטווערפן:** 323-346-0673

**מאנטריאל:** 438-228-2500